בעזהשי"ת

קונטרס

# שפתי קודש

## פרשת קרח

פה קרית טאהש יצ"ו

ע"י וועד להוצאת דא"ח מאת רביה"ק זי"ע

להשיג הקונטרס או לנדב יש לפנות אל:

**הר"ר נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א**

**514-518-6853**

**או אל בנו**

**ר' אליעזר צבי הערשקאוויטש נ"י**

**438-920-4312**

# תורה א

## - א -

**ויקח קרח בן יצהר בן קהת בן לוי.** זאגט רש"י הק', ולא הזכיר בן יעקב, ווייל יעקב האט געבעטן בקהלם אל תחד כבודי, זיין נאמען זאל נישט געמאלדן ווערן דארט. פארוואס, שטייט אז ער האט מיט דעם גע'פועל'ט, אז ס'זאל נישט פוגם זיין ביז אהין, ווען ס'זאל ווערן געמאלדן ווערן בן לוי בן יעקב, וואלט חלילה דער חטא פון קרח געקענט מאכן א פגם דארט, אין די נקודה פון יעקב, יעקב איז דאך דער שורש פון כלל ישראל, יעקב איז ביי די כסא הכבוד ממש, צורתו של יעקב חקוקה תחת כסא הכבוד, האט ער געבעטן ס'זאל נישט אנרירן דארט, ס'זאל נישט האבן קיין שייכות אהין, די נקודה פון יעקב איז געבליבן גאנץ, ממילא וועלן זיי האבן א תיקון, לעתיד לבוא וועט קרח האבן א תיקון, ווייל דער חטא איז נישט אנגעקומען צום שורש.

**האב** איך געזעהן מסביר זיין, אייגנטליך פארוואס דארף מען ביז אהין יא דערמאנען, בן יצהר בן קהת בן לוי, זאל שטיין נאר ויקח קרח, מ'ווייסט דאך ווער ער איז, ווען זיי זענען געבארן, ווען מ'רעכנט אויס די שבטים שטייט, ובני יצהר קרח ונפג וזכרי. אז ער וויל זאגן בן יצהר, קען מען נאך פארשטיין, אבער פארוואס ברויך צו שטיין אלע דריי נאך, בן קהת בן לוי, אודאי, אז ס'שטייט ברויך אזוי צו שטיין, אבער צו פארשטיין אביסל, עפעס א טעם אין דעם.

**זענען** דא אין דעם תירוצים אויף פארשידענע אופנים, איין זאך וואס איז א גרויסע נפקא מינה צו וויסן, שטייט אין ספר אורח לחיים פון רבי ישכר בער פון זלאטשוב זי"ע, מיט דעם וואס די גמרא זאגט (ב"מ פה.) כל שהוא ובנו ובן בנו תלמיד חכם שוב אין תורה פוסקת מזרעו לעולם, שנאמר לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך, דעמאלטס אמר ה', זאגט דער אייבערשטער, מעתה ועד עולם, וועט עס שוין בלייבן אויף אייביג. פארשטייט זיך אז ס'איז ווייטער דא א בחירה, אבער אז מ'וויל עס האבן, איז עס שוין גרינגער, וויבאלד דריי דורות זענען תלמידי חכמים, איז שוין גרינגער צו האבן די תורה. קומט דער פסוק זאגן דא, אז דאס איז נאר אויף תורה, אבער אויף יראת שמים מוז מען אליין הארעווען, ווי מ'זעהט אז קרח איז געווען נאך דריי דורות, בן יצהר בן קהת בן לוי, און ער האט טאקע געהאט די תורה, ער איז געווען א גרויסער מענטש, א גרויסער קענער, ער האט געקענט אסאך לערנען, און געוואוסט און געזעהן גרויסע זאכן, פונדעסטוועגן איז ער געווארן ארייננגעכאפט, ווייל ס'האט געפעלט יראת שמים.

**און** ווי די ספרים הק' זענען מסביר, אז וויבאלד שבט קהת זענען געווען די טועני הארון, איז דער קרח, וויבאלד ער איז געווען א גרויסע כלי, ווען ער האט געטראגן דעם ארון, האט ער געזעהן גרויסע אורות, אין אלף השביעי אריין, געקענט האט ער זייער אסאך, האט ער געמיינט ער פארשטייט שוין בעסער. און דאס אלעס, ווייל ער איז געווען געכאפט אין יראה, פארשטייט זיך ער האט געהאט יראה אויך, ס'זענען דא פארשידענע מדרגות אין יראת ה', אבער פון אמת'ע יראת שמים איז ער געווען ווייט, די מורא און בושה וואס מ'דארף האבן ווען מ'גייט צו צום אייבערשטן, האט ער נישט געהאט.

**איז** דאס א לימוד אויף דעם, אז אפילו ס'זאל שוין זיין הוא ובנו ובן בנו, יראת ה' מוז מען עקסטער אויסהארעווען, דאס קען מען נישט ירש'נען, אודאי קען מען עס ירש'נען אויך, ס'העלפט צו, אז די אבות זענען געווען יראי ה', יעדער האט אבער אליין א חומר וואס ער מוז אויסהארעווען, דעם יצר מוז יעדער אליין בייקומען, יעדער לויט זיין יצר, לויט זיין מדרגה, ער קען זיך נישט פארלאזן אז ער איז א גרויסע מיוחס, ווייל דו זעהסט דאך דארט, אז ס'איז שוין געווען דריי, און ער איז דאך אריינגעפאלן.

- ב -

**מ'זעהט** ביי אהרן הכהן, ווען ער האט געדארפט אנהייבן טון די עבודה, שטייט אין פרשת שמיני (ט ז), משה רבינו האט אים געזאגט קרב אל המזבח, זאגט רש"י הק', פון תורת כהנים ברענגט ער, שהיה אהרן בוש וירא לגשת אמר לו משה למה אתה בוש לכך נבחרת, זאגן די מפרשים, לכך איז טייטש, טאקע וועגן דעם, ווייל דו שעמסט דיך, דו פארשטייסט אז דו ביסט נישט ווערד, וועגן דעם נבחרת, ווען א מענטש ווייסט אז ער איז גארנישט, ער קען גארנישט, ער האט גארנישט, און ער איז נישט אנגעוואנדן אין קיינעם, נאר אלעס איז פונעם באשעפער, אזא מענטש איז ראוי צו טון די עבודה, דאס איז געווען אהרן. און דער קרח האט גארנישט מורא געהאט, ער האט געוואלט נעמען אהרנ'ס פלאץ, און ער האט געהאלטן ער איז ווערד דערצו, די כהונה האט ער געוואלט נעמען, אן קיין בושה, רחמנא ליצלן.

**און** אין דעם אליין זענען דא פארשידענע הייליגע זאכן, וואס די הויכע ספרים זענען מסביר, פארוואס די בושה איז די וויכטיגסטע זאך, ווייל לעולם איז דאך ביי יעדע זאך דא א כח פון די סטרא אחרא, יענע זייט, ווען זיי זעען א הייליגע זאך, ווילן זיי עס אויך, זיי ווילן אויך טון די עבודה, און מ'קען זיי נישט אזוי גרינג פארשיקן, זיי קענען צוקומען יונק זיין פון יעדע דבר שבקדושה, אויב דער מענטש גייט אבער צו צו א זאך מיט ענוה און בושה, האבן זיי נישט קיין שליטה, ווייל דאס קענען זיי נישט נאכמאכן,

יענע זייט קען זיך נישט האלטן קליין, זייער כח איז נאר מיט גבהות, דאס איז זייער מהות, און ממילא קענען זיי נישט צוקומען.

**ממילא** האט משה רבינו געזאגט לכך נבחרת, וויבאלד דו שעמסט דיך, דו ווילסט זיך דערווייטערן, נישט ווייל ס'פאסט אזוי האט ער עס געטון, ווי ביי אונז, א מענטש זאגט ער איז נישט ווערד, אין הארצן וויל ער עס יא, נאר לפנים אויס זאגט ער ער שעמט זיך, ווייל ס'פאסט אזוי, נישט אזוי איז עס געווען ביי אהרן, ער האט אמת'דיג געהאלטן, ווי קען איך גיין טון די עבודה, איך האב מורא צו גיין טון אזא הייליגע זאך, און ממילא האט יענע זייט נישט געהאט קיין כח צו צוגיין. און דער קרח האט דאס נישט געהאט, ווען ער וואלט דאס געהאט, וואלט ער דאך נישט פארפירט ער וויל ווערן, ווי קען ער ווערן א כהן, ער איז דען ראוי צו דעם. דאס האט משה רבינו געזאגט, רב לכם בני לוי, אויב דו גייסט צו מיט א גדלות, דו האלטסט אז דו ביסט ווערד, ווי קענסטו ווערן א כהן, קען מען דען אזוי צוגיין טון אן עבודה.

- ג -

**דאס** וויל איך זאגן, פאר מיר און פאר אלע נשמות וואס זיצן דא, די סדרה ויקח קרח קומט דאס לערנען, א מענטש זאל זיך נישט פארלאזן אז ער קען שוין, ער ווייסט שוין, אפילו א מענטש זעהט גרויסע זאכן, אויב ס'פעלט די יראה, האבן די אלע זאכן נישט קיין ווערד. און דער עולם פארשטייט נישט ווי ווייט דאס איז, דער עולם, מיין איך מיך אויך, מ'פארשטייט נישט וואס ס'גייט פאר, מ'פארשטייט עפעס, יראת שמים, יא אודאי, ער ווייסט, מ'מוז עס האבן, אבער נישט אזוי מ'זאל וויסן, אז אין דעם ווענדט זיך אלעס, און דער גאנצער תכלית פון די תורה איז וועגן דעם, מ'זאל צוקומען צו ערווארבן יראת ה', יראת ה' היא אוצרו, דאס איז דער אוצר, דאס הייסט די טייערסטע זאך און די וויכטיגסטע זאך. ווען מ'זאל הערן, אז ערגעץ אויף די גאס דא, איז דא א גרויסער אוצר, וועט יעדער זוכן וואו איז עס, ווער, וואו, ווי קען מען צוקומען צו דעם, דער אייבערשטער זאגט יראת ה' היא אוצרו, דאס איז אן אוצר, דאס ברויך מען צו זוכן, מ'ברויך עס צו זוכן ביי זיך אליין, זעהן ווי אזוי מ'קען זיך פארכטן פארן אייבערשטן.

**ווער** עס זעהט, ווער עס קוקט אריין אינעם ספר תהלים, אין יעדן קאפיטל ווערט ערוועגנט וועגן יראת שמים, אין יעדן קאפיטל רעדט ער וועגן דעם. און די תורה הייבט זיך אויך אן מיט דעם, בראשית איז טייטש מיט יראה שנקראת ראשית, ווי ס'שטייט ראשית חכמה יראת ה', און דאס ווארט בראשית אליין, איז אותיות ירא בשת (תיקו"ז ה:). ממילא אלעם וואס מ'הארעוועט קונה צו זיין, מ'לערנט די תורה פלייסיג,

ביטאג און ביינאכט, מ'איז זיך מרגיל בתורה מער און מער, וואס וויל מען מיט דעם, צוקומען צו יראת ה', די תורה ברויך מען לערנען וועגן דעם, מ'זאל קומען צו יראת ה'. אז מ'האט יראת ה', קענען זיך האלטן די אלע זאכן וואס מ'איז קונה, דאס טייטש אויך יראת ה' היא אוצרו, דאס איז דער אוצר, דאס הייסט די כלי וואס האלט אלעס, וואס ער לערנט, וואס ער ווייסט, אויב ס'האט א כלי, האבן אלע זאכן א ווערד, אלעס וואס ער טוט, די לימוד התורה, די קיום התורה, די מצות ומעשים טובים, אלעס האט א קיום, ווען ס'איז דא בראשית, ירא בשת, יראה און בושה פארן אייבערשטן.

**ממילא** ווען איינער וויל זיין א שטיקל יוד, ער זאל נישט פארפאלן ווערן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, זאל ער וויסן אז די ערשטע זאך איז יראת ה'.

און אין דעם האט מען נאך גארנישט אנגעהויבן, אלעס איז נאך אזוי קאלט ביי אונז, יראת ה' איז טייטש, די מחשבה זאל זיין מקושר צום אייבערשטן, שויתי ה' לנגדי תמיד, מיט דעם זאל ער גיין, מיט דעם זאל ער לעבן, און דער מענטש טוט גארנישט אין דעם, ער איז אזא פיינער מענטש, א קלוגער, א קענער, און ער איז גארנישט מקושר צום אייבערשטן, ביים דאווענען לויפט ער אריין, לויפט ער ארויס, אפגעזאגט, אפגעדאווענט, קיין איין ווארט זאגט ער נישט מיט דביקות. די גמרא זאגט, כל הקובע מקום לתפלתו אלקי אברהם בעזרו, וואס הייסט קובע מקום, ער האט געקויפט א שטאָט (זיץ), הקובע איז טייטש, ער איז צוגעבונדן צום פלאץ, און צום סידור'ל, ער האלט מיט מיטן ציבור פון אנהייב ביזן סוף, און דער מענטש ווייסט גארנישט וואס דאס איז, ער קומט אן שפעט, כאפט און לויפט, און זאגט האלבעטע ווערטער, ער וואקסט אזוי אויף, און ער ווייסט גארנישט וואס איז שלעכט. תפלה איז דאך טייטש באהעפטן, און תפילין איז טייטש באהעפטן, וצונו להניח תפלין איז טייטש, ער האט אונז באפוילן צו זיין צוגעבונדן, און ער טוט גארנישט צו דעם. און אזוי ביים לערנען, און אזוי ביי יעדע מצוה, אפגעלערנט, אפגעטון, אזוי קאלט, ער האט כמעט נישט אינזין פארוואס ער לערנט, פאר וועמען, ס'איז בעסער ווי ער גייט אין די גאסן, אבער ס'איז דאך זייער ווייט פונעם תכלית, יראת ה' איז דא זייער ווייניג.

- ד -

**אויף** דעם האט דער אייבערשטער געהייסן, מ'זאל מאכן א ציפוי למזבח, פון די מחתות וואס מ'האט אריינגלייגט אין זיי די קטורת, כדי מ'זאל געדענקן, ס'זאל זיין לזכרון לבני ישראל, וואס זאל מען געדענקן, וואס ס'האט פאסירט, וואסערע חורבן ס'איז געווען דורך קרח, ווייל ער האט נישט געהאט די יראה און די בושה, ממילא האט ער זיך נישט צוריקגעהאלטן, ער איז ארויסגעשפרונגן פון די הויט, כאטש ער האט געקענט

אסאך זאכן, געזעהן אין אלף השביעי. זאל מען זיך דערמאנען דאס, מ'זאל זיך אהערנעמען, יעדער מענטש איז דאך אזוי, ער ווייסט אסאך, ער קען דאס, ער קען יענץ, און ווען ס'קומט למעשה, שפרינגט ער ארויס פון די הויט, ווען ס'קומט צום לערנען, צום דאווענען, האט ער נישט קיין געדולד, איז ער נערוועז, ער יאגט זיך. צום עסן און צו קוקן פאליטיק, האט ער היבש געדולד, נאר ביים דאווענען, ביים לערנען, זאגט ער ער האט נישט קיין געדולד. א מענטש וואס האט יראה, ווי קען זיין ער זאל נישט האבן געדולד, ער זאל נישט וועלן זיך אריינטון אינעם דאווענען, זיך געוויינען יעדעסווארט ארויסצוזאגן, זיך אריינטון אין די פירוש המלות מיט קאפ און הארץ.

**אויף** דעם שטייט נאכדעם אין די סדרה, די פרשה פון די כהנים, ווי אזוי די לוים דארפן זיי באדינען, און ווי אזוי די יודן דארפן זיי געבן די מתנות כהונה. מ'זאל זעהן פון דעם, אז ס'איז דא א סדר ווי אזוי ס'גייט, מ'דארף זיין בטל צו דעם וואס איז העכער, די כהנים זענען די העכסטע פון כלל ישראל, און נאכדעם שבט לוי, און אלע יודן נאך זיי. פארדעם דארף א כהן גדול זיך ביקן ביי שמו"ע ביי יעדע ברכה (ברכות לד:), נישט נאר די פיר כריעות, ווייל וויבאלד ער איז אין א גרעסערע מדרגה, ער איז נענטער צום מלך, איז דא מער ביטול, און די לוים האבן געדארפט זיין בטל צו די כהנים, זיי האבן צוגעהאלפן, די משמרות זענען געווען איינגעטיילט, און די יודן דארפן זיין בטל צו די כהנים און לוים, צו נעמען פון זיי יראת ה', אזוי קען מען אליין זיין א ירא ה', אז מ'האט הכנעה, מ'איז מקבל פון די גרעסערע.

**און** די פרשה ענדיגט זיך, ואת קדשי בני ישראל לא תחללו ולא תמותו, תחללו איז א לשון חלל, ליידיג, אז מ'וועט גיין אזוי, מיט הכנעה און בושה, וועט מען נישט טון די מצות ליידיג, פוסט, אן קיין יראת ה'. זאגט רש"י הק', הא אם תחללו תמותו, אויב טוט מען עס ליידיג, איז מען א בחינת מת, רשעים בחייהם קרויים מתים, ווייל ס'פעלט דאס חיות, אפילו ער איז מקיים די תורה, איז עס אן קיין חיות, אן קיין שייכות צום אייבערשטן, ס'איז א ליידיגע זאך.

**זאלן** מיר זוכה זיין צו גיין אויף דעם וועג פון יראת ה', מ'זאל זיין מקושר צום אייבערשטן, אלץ מער און מער, און אין די טעג, אום חודש תמוז, קען מען גרינגער צוקומען, ווייל אין די טעג איז די שכינה נענטער, די שכינה איז מיט אונז אין גלות, און דאס איז אונזער חיות, ווי דער ישמח משה זאגט, אינעם לעצטן בלעטל פון פרשת פקודי, אויפן פסוק פון די הפטרה דארט, ה' אמר לשכון בערפל, זאגט ער, דאס וואס דער אייבערשטער איז שוכן מיט אונז בערפל, אינעם חושך הגלות, ווי חז"ל זאגן (שמו"ר ב ב) מעולם לא זזה שכינה מכותל המערבי, דאס איז דער קיום פון יודן אין גלות, זהו מעמדן ומצבן של ישראל, אן דעם וואלט מען נישט געקענט אויסהאלטן, לא היו

יכולים להתקיים. און דער קאזניצער מגיד זי"ע זאגט עס (עבו"י איכה), אויפן פסוק אין איכה (א ו), ויצא מבת ציון כל הדרה, זאגט דער מדרש אויף דעם (איכ"ר א לג), אמר רב אחא יש לנו מנה אחת יפה זה הקב"ה. זאגט ער פשט אזוי, די שכינה הייסט בת, די שכינה איז די מדת המלכות, זי איז בת ציון, זי איז מקבל פון מדת יוסף, וואס ווערט אנגערופן ציון, ביים חורבן ביהמ"ק איז ארויסגעגאנגן מבת, פון די שכינה, כל הדרה, די ציון, די מדת יוסף, די בחינת ציון איז אוועק פון די שכינה, ממילא איז די שכינה געבליבן אונטן מיט אונז, דאס זאגט דער מדרש, יש לנו מנה אחת יפה, די שכינה איז די מנה יפה, וואס איז געבליבן מיט אונז.

**אזוי** זאגט ער די הייליגע ווערטער, דאס איז די מנה יפה, א שיינע מתנה אין גלות, דאס וואס די שכינה הק' איז מיט אונז דא. ס'זענען דא פארשידענע בחינות אין די שכינה, פארשידענע חלקים, ס'איז דא שושנה עליונה, שושנה תחתונה, איין בחינה פון די שכינה רועט מיט אונז, ביי יעדן יוד, כל שכן ביי אסאך יודן, כל בי עשרה שכינתא שריא, מיט דעם כח קענען מיר אין גלות זיך מקרב זיין צום אייבערשטן, וואו ס'איז דא השראת השכינה, קען מען ברענגן שפע, קען מען ברענגן א גאולה, א גאולה פרטית, און פון דעם די גאולה כללית.

**נאכדעם** ברענגט ער, דער קאזניצער מגיד, וואס דער מדרש זאגט (שם א כ), אז תשעה באב ביינאכט, ביים חורבן בית המקדש, איז אברהם אבינו אריין אין קדשי קדשים, דער אייבערשטער האט אים געטראפן דארט, ער האט אים געפרעגט, וואס טוסטו דא, מה לידידי בביתי, האט אברהם געפרעגט היכן בני, און דער אייבערשטער כביכול האט אים אנגעכאפט ביי די האנט, און שפאצירט מיט אים דארט לארכה ולרחבה, אין די לענג און אין די ברייט. איז ער מסביר, אז מיט די שפאצירן האט מען מעורר רחמים געווען, ארכה און רחבה איז מרמז אויף די צוויי מדות, מ'האט ממשיך געווען מדת החסד און מדת הגבורה, מ'זאל אויסלייזן די יודן, זעהט מען אז אפילו בשעת'ן חורבן געפינט זיך די שכינה מיט אונז, און צוזאמען מיט די אבות רייסט מען איין, ס'זאל שוין קומען די גאולה. זאל מען שוין זוכה זיין צו דעם אין דעם חודש, דער אייבערשטער זאל אונז אויפהייבן, ער זאל אונז באשיצן, עזרנו ומגננו הוא, עזרנו אלקי ישענו כי עליך נשעננו, שבטך ומשענתך המה ינחמני, ושבתי בבית ה' לאורך ימים, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשכ"ז)

## תורה ב

- א -

**וידבר אל קרח ואל כל עדתו לאמר בוקר ויודע ה' את אשר לו.** שטעלן זיך די מפרשים, פארוואס האט ער געהייסן ווארטן ביז בוקר, פארוואס זאל מען נישט שוין ברענגן די קטורת, מ'זאל זיך שוין איבערצייגן ווער עס איז גערעכט.

**איך** האב שוין נאכגעזאגט, דער אפטער רב זי"ע זאגט אויף דעם (אמר"י בשמו בפ' זו), קרח איז געווען א גרויסער מענטש, ער האט געהאט גרויסע השגות, און ער איז נעבעך אריינגעפאלן, ער איז געווארן איינגערעדט, האט משה רבינו געזוכט אן עצה ווי אזוי אים אויפצוועקן, ער זאל אנערקענען זיין טעות, ער האט אים געוואלט מאכן צוריק פאר א כלי. האט ער געקלערט, קרח וועט זיך לייגן שלאפן, ביינאכט ווען זיין נשמה וועט זיין אויבן, איז א צייט ווען מ'קען אויסוואשן א נשמה, וועט ער קענען איבערדרייען די זאך, ער זאל תשובה טון, קרח איז אבער א גאנצע נאכט ארומגעגאנגען, ער האט זיך נישט געלייגט, האט ער נישט געקענט טאן די זאך, דאס איז איין פשט.

**אן** אנדערער פשט זאגן די ספרים הק', וואס איז נוגע פאר אונז צו וויסן שטארק, דער גרעסטער חלק פונעם טאג איז דער בוקר, צופרי קומען אראפ גרויסע אורות אויף דער וועלט, להגיד בבוקר חסדך, פארטאגס ווערן נמשך גרויסע חסדים, גרויסע השפעות, השפעות פון די תורה וואס הייסט תורת חסד, ס'ווערט נתגלה דעמאלטס השגות התורה, ס'קומט אראפ א דעת דקדושה. האט משה רבינו געקלערט, ס'וועט קומען דער זמן פון בוקר, זיי וועלן אויפשטיין פארטאגס, וועט גאר אנדערש זיין די זאך, ס'וועט מאיר זיין אין זיי א שטיקל דעת דקדושה. ער איז דאך א גרויסער מענטש דער קרח, און אלע ארום, די גרעסטע מענטשן האט ער דאך אריינגעכאפט, חמשים ומאתים איש, נשיאי עדה קרואי מועד אנשי שם, האט ער געהאפט, אז פארטאגס וועלן זיי כאפן וואו זיי זענען פארקראכן, וועלן זיי תשובה טון, זוכה זיין צום אמת, זיי זאלן נישט ברויכן גיין אין דער ערד, האט ער געזאגט בוקר ויודע, צופרי וועלן זיי צוקומען צו א שטיקל דעת.

**אויך** האט ער געקלערט, ס'איז דאך אן עת רצון דעמאלטס, א געוואלדיגער, וועט ער מתפלל זיין, אריינצושיינען אין זיי א כח, זיי זאלן פארשטיין, נישט צו פארפירן כלל ישראל, דעמאלטס וועלן די תפלות נתקבל ווערן גרינג, וועט ער קענען אויספועל'ן די זאך. דער זיידע זכרונו לברכה, ווען מ'איז געקומען צו אים פאר א ישועה, פלעגט ער זאגן אמאל, איך וועל זעהן ווי אזוי די פארטאגס וועט אויסזעהן, לויט דעם וועל

איך קענען פועל'ן. האט משה רבינו געקלערט, ער וועט עס דעמאלטס קענען אויסבעטן, אזוי זאגן די ספרים הק' דאס איז דער ענין פון דעם בוקר. זיי זענען אבער שוין געווען אזוי זינדיג, חטאים בנפשותם, אז זיי האבן זיך נישט אויפגעוועקט פון דעם, און מ'האט זיי נישט געקענט אויסבעטן.

## - ב -

**זעהט** מען פון דעם, וואס דאס איז דער כח פונעם פארטאגס, רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע ברענגט אלץ פון זוה"ק, וועגן די גרויסקייט פון די פארטאגסן, שלשה משמורות הוי הלילה, די דריטע אשמורה, די אשמורת הבוקר איז א גרויסער אן עת רצון, ס'איז דא א געוואלדיגער כח דעמאלטס, צו קענען רעדן צום אייבערשטן, און משיג זיין די תורה, זוכה זיין צו א שטיקעלע אמת, ער ברענגט אלץ אז דאס איז די עצה פאר אלע שוועריגקייטן, און ער זאגט דאס לשון, אז די עיקר יהדות שעפט א יוד פון די פארטאגסן, פון די אשמורת הבוקר.

**דאס** איז דער מוסר וואס איך וויל זאגן, פאר מיר און פאר יעדן, ווי קען דאס זיין, א מענטש זאל זיך דרייען ביינאכט שעה'ן, ער זאל זיך נישט יאגן צו דעם בוקר. דאס איז דאך די עצה פאר אלע שוועריגקייטן, פאר יעדן מענטש, כל שכן פאר בחורים, און זיי פארשטייען נאך נישט וואס דאס איז, זיי שטייען נישט אויף אין צייט, קוים צום דאווענען קומען זיי אן, שלעפן זיי זיך צו, ער זאגט ער וויל אויפשטיין, אודאי וויל ער, ער וויל זיין א גאון, א צדיק, דאס הייסט ווילן, אז ער טוט נישט דערצו, ער לייגט זיך נישט אין צייט. בחורים האבן דאך די שענסטע טעג, די בחור'ישע יארן זענען דאך די בעסטע, אבער אז מ'לייגט זיך ווייס איך ווען, פארשפילט מען דאס. זאל מען דאס גוט געדענקן, פון קרח'ן איז דער לימוד, ווי וויט דער יצר קען ארייננכאפן א מענטש, ער זאל פארלירן זיין שכל הישר, און די עצה צו דעם איז די אשמורת הבוקר, אויף דעם האט משה רבינו געהאפט, אויף דעם בוקר ויודע.

**און** ס'שטייט, אז עס האט א כח אזוי ווי שבת, שבת ווייסט מען איז מאיר די ימות החול, אזוי איז דער פארטאגס מאיר דעם גאנצן טאג. דער אפטער רב זי"ע זאגט (אוהצ"י שמות), אז אינעםווארט בראשית זענען מרומז די זעקס טעג פון די וואך, בראשית איז נוטריקון ברא שית ווי ס'שטייט אין תיקו"ז (פג.), און די ווארט האט זעקס אותיות, דאס איז קעגן די זעקס טעג פון די וואך, יעדעס אות איז קעגן א טאג, און די פינטעלע פונעם בית איז קעגן דעם שבת, דער שבת איז דער פינטעלע, די נקודה הפנימית פון די וואך, דער שבת גיט אריין דעם כח, די חיות פאר די גאנצע וואך.

**און** איך זאג אלץ נאך, וואס דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט געזאגט, אז די גאנצע תורה איז נכלל אינעם חומש בראשית, און די חומש בראשית אין די סדרה בראשית, די סדרה בראשית אינעם פסוק בראשית, דער פסוק בראשית אין די ווארט בראשית, און דאס ווארט בראשית אין די בית פון בראשית, און די בית אין די פינטעלע פון די בית. קומט אויס פון דעם אויך, אז די פינטעלע פונעם בית איז כולל אלעס, דאס איז די נקודה הפנימית. דער רוזשינער האט דאך געהאט א גרויס שייכות מיטן אפטער רב, דער אפטער רב איז געווען עלטער, און ער האט אסאך געטון פארן רוזשינער, ער האט אים זייער געהויבן, דעם רוזשינער. זעהט אויס אז זיי זאגן ביידע דעם זעלבן ווארט, ס'איז איין כוונה, וועגן די גרויסקייט פונעם פינטעלע.

**קען** זיין, אז דאס איז דער ענין וואס דער קאמארנער זי"ע הייסט (ה"ס עקב ועוד), אז וואו ס'שטייט כַלה, זאל מען זאגן כַּלה מיט א פינטעלע, ער זאגט נישט דעם טעם פארוואס, אבער מיט דעם וואס דער אפטער רב זאגט, וועגן די פינטעלע אין די בית, וואס דאס איז, קען מען פארשטיין, אז די כלה ווייזט דאך אויף די שכינה, די כנסת ישראל, דארף זיין א פינטעלע דערין, דאס ווייזט אז ס'איז פול מיט חיות, מיט כחות הקדושה, זעהט אויס וועגן דעם הייסט ער אזוי זאגן, ער איז דאך געווען קדשי קדשים, אין זיינע ווערטער ליגן גרויסע זאכן באהאלטן.

**על** כל פנים, קומט דאך אויס אז שבת איז די נקודה הפנימית פון די וואך, מ'דארף א גאנצע וואך קוקן אויפן שבת, סיי פאר שבת, סיי נאך שבת, אלץ דארף מען זיין געבונדן צו די פינטעלע, פון דארט קען מען שעפן אלע מיני קדושות. דער באשעפער זאגט קדושים תהיו, עטץ זאלטס זיין הייליג, והתקדשתם והייתם קדושים, דער באשעפער פארלאנגט עס, אונז זאל מיר זיין הייליג, ווי אזוי קען מען דאס האבן, דורכן שבת, אויב מ'איז געבונדן צום שבת, מ'גרייט זיך דערצו פאר דעם, און מ'איז געבונדן דערצו נאכדעם, קען מען נעמען פון דארט אלע קדושות.

**די** אייגענע זאך זאגן די ספרים הק', איז דער ענין פון די פארטאגסן, אינדערוואכן איז דאך דא א התגברות הקליפה, אמאל לייכט יא דער אור, אמאל נישט, אבער ווען איינער וויל, קען ער אויפשטיין פארטאגס אין צייט, זיך צוגרייטן פארן דאווענען, איז דער גאנצער טאג גאר אנדערש, דאס מאכט לעכטיג דעם גאנצן טאג. אזוי ווי שבת האבן די חיצונים נישט קיין כח, זיי אנטלויפן פון גרויס קדושה, וכל שולטני רוגזין ומארי דדינא כלהו ערקין ואתעברו מינה, אזוי האבן זיי נישט קיין כח אין די אשמורת הבוקר, און ממילא דורכדעם האבן זיי א גאנצן טאג שוין נישט קיין שליטה.

**ממילא** אז מ'וויל קען מען פון דעם ווערן א יוד, קען מען אינדערוואכן אויך שפירן דעם אייבערשטן, אמת ס'איז טאקע דא אין די וואכעדיגע טעג א גרויס התגברות היצר, ס'איז דאך אבער דא אן עצה דערצו, מ'קען זיך דאך לייגן פרי און אויפשטיין פרי, קען מען פון דעם ווערן נאנט צום אייבערשטן. א יוד האט דאך א כח צו זיין נאנט, מקושר צום אייבערשטן, קוב"ה אורייתא וישראל חד, מ'איז איינס, מ'דארף נאר מאכן א צייט, זיך מייחד צו זיין מיטן אייבערשטן, זיך פארבינדן מיט אים, זיך איבערגעבן צו אים, קען מען ווערן איינס, קען מען שפירן דעם אייבערשטן אפילו אין די וואכן טעג.

- ג -

**זאל** מען זעהן פון יעצט, מ'זאל זיך מסדר זיין בעסער, די פארטאגסן זאלן אויסזעהן שיין, פון דארט קען זיך עפענען די השגה, פון דארט קען מען צוקומען צו הבנת התורה, פון דארט עפנט זיך דער שער, און דאס ווערט נמשך אויפן פארמיטאג אויך, אין די ערשטע האלב פונעם טאג קען מען נאך אסאך ארייננכאפן, און ממילא ווערט דער צווייטער האלב טאג נמשך נאך דעם, קען מען פון דעם וואקסן און שטייגן אין השגת התורה, אין הבנת התורה. און אז מ'האט דאס, די השגה אין תורה, די הבנה אין לימוד התורה, האט מען אלעס, טאמער פעלט דאס, אויב דער מענטש פארשטייט נישט קיין לערנען, ווייסט ער נישט וואס א יוד איז, ער ווייסט נישט וואס די תורה פארלאנגט, דאס ווייסט ער יא, דאס ווייסט ער נישט, ווערט ער געכאפט אין פארשידענע עבירות.

**ס'שטייט** ביי דעם מקושש עצים, וימצאו איש מקושש עצים ביום השבת, מ'האט אים געברענגט אל משה ואל אהרן, יענע וואך האבן מיר עס געליינט, שטייט אויף דעם אין מדרש (יל"ש רמז תשנ), אז משה רבינו האט געטענה'ט צום אייבערשטן, א יוד האט תפילין של יד על זרועו, תפילין של ראש על ראשו, דאס דערמאנט אים ער זאל נישט זינדיגן, דער מקושש עצים האט נישט געהאט קיין תפילין, ס'איז דאך געווען שבת, האט ער זיך נישט געקענט שטארקן, האט דער אייבערשטער געגעבן דעמאלטס מצות ציצית, וואס איז נוהג שבת אויך, דאס זאל אלעמאל היטן, פארדעם שטייט די פרשת ציצית נאנט צו דעם, ווייל די מצות ציצית איז מגין אייביג. מ'זעהט דאך די מעשה אין די גמרא (מנחות מד.), איינער האט געוואלט חלילה טון אן עבירה, האבן די ציצית אים געקלאפט אין פנים, איז ער ניצול געווארן, ער זאל נישט ארייַנפאלן אין זנות חלילה. און די גמרא זאגט (שם מג:), מצות ציצית איז שקולה נגד כל מצות התורה, און רש"י ברענגט, אז די ווארט ציצית אליין מיט די פעדעמער און די קשרים, באטרעפט

תרי"ג. ממילא איז דאס די שמירה, דער מענטש זאל געדענקן מקיים צו זיין אלע תרי"ג מצות.

**זענען** אבער אין די ציצית אליין דא פארשידענע הלכות, וואס מ'דארף וויסן, ווער עס מאכט עס, ווער וועבט עס, און ווער דרייט עס ארויף אויפן בגד, און וואס האט ער אינזין דערביי, יעדע זאך דארף מען לערנען געוואלדיג, מ'ווייסט נישט, וואו מ'גיט זיך א דריי, ברויך מען קענען די תורה, הלכות ציצית, הלכות תפילין, יעדע זאך ברויך מען געוואלדיג גוט לערנען, אז מ'לערנט קען מען מקיים זיין א מצוה ווי מ'ברויך, ווערט מען ניצול מן החטא, אן דעם, איז מען יעדע רגע אין א סכנה. ממילא, יעדער יוד, אפילו נישט קיין רב נישט קיין דיין, איז מחויב צו קענען די גאנצע תורה, די ארבע חלקי שולחן ערוך, כדי א מענטש זאל קענען פרעגן, ער זאל וויסן וואס ס'איז א שאלה, דארף ער קודם אליין קענען די הלכה, ער זאל ווסן וואס די מעשה איז געווען, און וואס די שאלה איז, אז ער לערנט נישט, קען זיין דער דיין דער האט נישט פארשטאנען וואס ס'קען זיין די שאלה, און דער שואל האט נישט פארשטאנען וואס מ'האט אים געענטפערט.

**צום** ערשט מוז מען קענען דעם חלק אורח חיים, און נאכדעם דעם חלק איסור והיתר, דאס איז ממש דער יוד. נאכדעם דארף מען גיין ווייטער, מ'דארף קענען אלע פיר חלקים, און פון יעדן חלק וואס מ'לערנט, קען מען פארשטיין אויף די אנדערע חלקים אויך, פון אורח חיים קען מען פארשטיין זאכן אויף איסור והיתר, און פון איסור והיתר קען מען פארשטיין אויף חושן משפט. למשל אין הלכות שחיטה (סימן א ס"א), שטייט בפירוש א דין, אז אפילו אזאך האט א חזקה, אויב מ'קען אבער מברר זיין ברויך מען מברר צו זיין, פון דעם קען מען וויסן אויף חושן משפט, בין אדם לחבירו אויך, ס'קען זיין מ'פארציילט אזאך, און די מעשה איז גאר אנדערש געווען, ס'איז דא א חיוב מברר צו זיין, מ'טאר נישט גלייבן סתם אזוי, פון הלכות שחיטה קען מען דאס זעהן, אזוי גייט עס ביי אלעם, אז א מענטש לערנט גוט, קען ער פון יעדע זאך פארשטיין נאך זאכן.

**און** אויף דעם מקושש, שטייט נאך פארשידענע ענינים, וואס זיין כוונה איז געווען, ער האט געמיינט לשם שמים, ווייל ס'זענען געווען וואס האבן געוואלט זאגן, אז וויבאלד ס'איז נגזר געווארן אויף דעם דור, זיי זאלן נישט אריינגיין קיין ארץ ישראל, דארפן זיי נישט מקיים זיין די מצות התורה, ווייל דער עיקר זענען די מצות התורה געגעבן געווארן מ'זאל עס קענען מקיים זיין נאכדעם בארץ (עי' רש"י דברים יא יח ורמב"ן), האט דער מקושש מחלל שבת געווען, צו ווייזן אז שבת איז בסקילה, מ'טוט אים יא באשטראפן, אפילו אין מדבר, אלע יודן זאלן וויסן צו היטן די תורה, אזוי שטייט אין מדרש (תוס' ב"ב קיט:). פארדעם הייבט דער פסוק אן, ויהיו בני ישראל במדבר, ס'איז נגזר

געווארן אויף זיי צו בלייבן אין מדבר, האבן זיי וועגן דעם געקלערט אז מ'דארף נישט היטן קיין תורה, וועגן דעם וימצאו איש מקושש עצים ביום השבת, צו ווייזן אז ס'איז נישט וואר, מ'זאל נישט א טעות האבן, מ'דארף יא היטן די תורה.

על כל פנים, האט אלעס צוטאן מיט לערנען תורה, אזוי מאכט מען נישט קיין טעות, ווען איינער לערנט די תורה, אזוי ווי מ'דארף פארשטייט זיך, מיט קדושה וטהרה, ווייסט ער ווי אזוי זיך צו פירן, גדול התלמוד שמביא לידי מעשה. און די לימוד התורה איז די מזון הנפש, דאס גיט די שפייז פאר די נשמה, ווייל די נשמה פון א יוד קומט פון די מחשבה עליונה, ישראל עלו במחשבה, די מלאכים קומען פונעם כח הדיבור, זייער שורש איז דער דיבור, ווי ס'שטייט וברוח פיו כל צבאם, נשמת ישראל קומט אבער פון א העכער פלאץ, פון מחשבה עילאה, איז איר שפייז די לימוד התורה וואס איז במחשבה, דאס גיט חיות פאר די נשמה, דאס איז איר מזון, די נשמה קען נישט לעבן אן דעם. ממילא וואס האב איך פון דעם, וואס דער מענטש זאגט, אז ער קען ב"ה גוט לערנען, און ער פארשטייט גוט לערנען, ער לערנט דאך נישט, וואס האב איך אז ער קען עסן, ער עסט דאך נישט, א מענטש אז ער עסט נישט, קען ער לעבן (בתמי'ס), א מלאך קען לעבן אן קיין עסן, נישט א מענטש. ער זאגט ער וועט לערנען מארגן, איבערמארגן, וואס וועט זיין היינט, פון וואס וועט ער היינט לעבן. אמאל איז דא אן אונס ממש, איז עפעס אנדערש, אבער אזוי, האט א יוד א חיוב צו לערנען תורה יעדע רגע, ס'שטייט ארויס, ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך, כסדר, דאס איז דאס חיות פון א יוד.

- ד -

איך האב געזעהן, אין תיקוני זוה"ק זאגט ער (כו:), ער רעדט דארט פארשידענע הויכע זאכן, אבער אביסל קען מען פארשטיין בפשטות אויך, זאגט ער, ס'זענען פארהאן פארשידענע היכלות וואס א יוד קען דורך זיי צוקומען צום אייבערשטן, איינער קען צוקומען דורך היכל הנגינה, דורך שירות ותשבחות קען ער אנקומען צום אייבערשטן, דוד המלך איז צוגעקומען אויף דעם אופן. נאך א וועג איז פאראן, צוצוקומען דורך שערי דמעות, מיט טרערן, משה רבינו איז צוגעקומען אויף דעם אופן, ווי ס'שטייט ביי אים (שמות ב ו) והנה נער בוכה, ער האט געהאט דעם כח פון בוכה, שטייט גלייך דערנאך ותחמול עליו, ווייל מיט דעם כח קען מען אלעס עפענען, שערי דמעות לא ננעלו. זאגט ער דארט, ווען א יוד קומט צום אייבערשטן מיטן כח פון בכיה, ווערן געעפענט פאר אים די טויערן, און מיט דעם כח וועט מען ארויסגיין פון גלות, מיט דעם כח וועט זיין ותחמול עליו פונעם גלות.

**האב** איך געקלערט קען זיין, אז איינער לערנט די הייליגע תורה, תורת משה, האט ער דעם כח פון משה, צוצוקומען צום אייבערשטן דורך די שערי דמעות. ווייל מ'פרעגט דאך די קשיא, אויב שערי דמעות לא ננעלו, פארוואס דארף מען שערים, ס'איז דאך ממילא שטענדיג אפען, זאגן די ספרים (דבר"י בשם הר"ר ברוכ"ל), פאר א נאַר פארמאכט מען עס, דאס מיינט אז נישט אלע טרערן הייסן ריכטיגע טרערן, ס'קען זיין ער וויינט ווי א נאר, ער איז דערביטערט, ער איז מרה שחורה, נישט דאס מיינט דמעות. אבער א יוד וואס לערנט די הייליגע תורה, זענען זיינע טרערן טרערן, האט ער דעם כח פון משה, והנה נער בוכה, בוכה קען זיין אין הארץ, אפילו נישט מיט טרערן, ס'מוז נישט דורך די אויגן ארויסקומען. איז אזוי ווי משה רבינו האט געהאט דעם כח פון נער בוכה, אזוי יעדער יוד וואס האט א השגה אין תורה, האט דעם כח, און מיט דעם כח וועט דער אייבערשטער רחמנות האבן, אונז ארויסנעמען פון גלות.

- ה -

**על** כל פנים, האבן מיר געליינט אזעלכע גרויסע סדרות, שלח און קרח,ביידע האבן זיך טועה געווען, די מרגלים זייער טעות, און קרח ועדתו זייער טעות, מ'ליינט עס איינע נאך די אנדערע, מ'זאל נתעורר ווערן פון דעם, יעדעס אות פון די תורה איז פול מיט גרויסע אורות, געוואלדיגע, וואס קומט לערנען א יוד, אז מ'דארף ארומגיין אויף דער וועלט מיט אמונה, מ'זאל גלייבן אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, און זיך אונטערוווארפן אונטער אים, און מ'זאל געדענקן אלץ, אז אלעס ווענדט זיך ווי אזוי יודן פירן זיך, און אז דער אייבערשטערווארט אויף די תשובה פון יודן, אזוי זאגט דער פסוק, ושבת עד ה' אלקיך, ושב וקבצך מכל העמים, וועט קומען דער תיקון השלם.

**ממילא** אז מ'ליינט אזאנע סדרות, דער מענטש זעהט וואס ס'האט פאסירט, דארף ער נתעורר ווערן פון דעם, ער זאל זעהן, ער זאל גוט ארייננקלערן, ווי ווייט מ'ברויך זיך היטן פון א חטא, און ווי שטארק מ'דארף זיך אומקערן צום אייבערשטן, יעדע רגע דארף א מענטש בעטן דעם אייבערשטן, ער זאל אים היטן, און ער זאל אים דערלייכטן די אויגן, ער זאל ניצל ווערן פון א טעות, און ער זאל ניצל ווערן פון גאוה, דער בעל דבר ווייזט פאר א מענטש, אז ער איז א מיוחס, און ער באקומט א גוט געהאלט, און ס'איז שוין אלעס ערלעדיגט, ער קען שוין רודערן, ער דארף זיך שוין גארנישט היטן, ער דארף שוין גארנישט טון פארן אייבערשטן, און זיך גארנישט באהעפטן צו אים.

**אויף** דעם זאגט די תורה, מ'זאל מאכן א זכרון, למען אשר לא יקרב איש זר, מ'זאל וויסן אויף אייביג, אז קרח האט זיך זייער טועה געווען, לעתיד וועט ער האבן א

תיקון, ווי דער אר"י הק' זאגט (פרע"ח סוף שער יז), אז צדי"ק כתמ"ר יפר"ח איז סופי תיבות קרח, ווייל ער האט נעבעך געמיינט אז ער טוט גוט, אבער ביז דערווייל ליידן זיי נאך גרויסע יסורים, זיי מאכן נאך מיט וועגן דעם חטא, יעדן ראש חודש טוט מען נעבעך איבערווארפן, די אלע וואס די ערד האט זיי איינגעשלונגן, מ'נעמט זיי אפיר, מ'טוט זיי נעבעך נאכאמאל שטראפן (ב"ב עד.), און דער אייבערשטער בעהט זיך צו אונז, אונז זאל מיר נישט איבערחזר'ן דעם טעות, ולא יהיה כקרח וכעדתו.

איז א געוואלדיגע זאך מ'זאל זיך אויפוועקן פון דעם צו תשובה, ס'איז שוין חודש תמוז, איך זאג אלץ נאך פון של"ה הק', אז תמו"ז איז נוטריקון ז'מני ת'שובה מ'משמשין ו'באין, ס'איז נישט סתם א שיינער רמז, נאר ס'קומט צו ערוועקן דאס הארץ, מ'זאל זיך נעמען דערצו. און איך בעהט נאכאמאל, מ'זאל געדענקן וואס מ'האב מיר גערעדט, מ'האב מיר אנגעהויבן קודם מ'זאל זיך נעמען צום פארטאגס, און זיך נעמען צום שבת, דאס איז די פינטעלע פון די וואך, און זיך נעמען צו הבנת התורה, מ'זאל זיך אריינטון אין די גמרא, און אין די הלכה, מ'זאל וויסן יעדע זאך ווי אזוי מ'דארף זיך פירן, מ'זאל נישט געכאפט ווערן. אז מ'וועט זיך אזוי פירן, וועלן מיר זוכה זיין אין די טעג צו די גאולה שלימה, אלע צדיקים רייסן איין אויפן תיקון השלם, דער אייבערשטער וויל ס'זאל שוין זיין, ס'ווענדט זיך אבער אין אונז, ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה, ווען מ'פירט זיך מיט משפט און מיט צדקה, משפט הייסט די תורה, און צדקה מיינט אויך די תורה, קען מען ווערן אויסגעלייזט, ישא ברכה מאת ה', אבער ווי אזוי קען עס קומען, וצדקה מאלקי ישעו, אויב מ'פירט זיך מיט צדקה, קען קומען די ברכה פון אייבערשטן, מאלקי ישעו.

און דער שר שלום מבעלזא זי"ע טייטשט, ישא ברכה, ער קען באקומען די ברכה, אויב ער ווייסט אז ס'איז מאת ה', און ער ווייסט אז ס'איז א צדקה מאלקי ישעו, דעמאלטס קען עס קומען, אז דער מענטש ווייסט אז ער איז נישט ווערט. נישט ווי מ'זעהט א מענטש האלט אז ס'קומט אים אלעס, און אז ער שאפט זיך אליין דאס פארמעגן, און ממילא האט ער נישט קיין צייט צו דאווענען, ער האט נישט קיין צייט צו לערנען, אזוי קען נישט קומען די ברכה, קען נישט קומען די גאולה. זאל מען זוכה זיין ס'זאל נשפע ווערן אסאך ברכה, יוסף ה' עליכם ועל בניכם, ברוכים אתם לה' עושה שמים וארץ, יודן זאלן זיין געבענטשט, באשיצט און געשטארקט, ס'זאל זיין שגבנו טהרנו נורא, ס'זאלן נמתק ווערן אלע דינים, און ס'זאל קומען די גאולה שלימה במהרה, בהתגלות כבוד שמים עלינו, ימלוך ה' לעולם אלקיך ציון לדור ודור הללוי"ה, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשנ"ח)